STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06024

LETSTE KLANGEN

M. Bogdanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט פריינדשאפט
און אנערקענונג
ל. י. [illegible]
פאר זיין ליבשאפט און רעספעקט
צום יידישן ווארט.
פון [illegible] "[illegible]"
[illegible]

[illegible]





מ ש ה ב אָ ג ד אַ נ ס ק י

געבֿוירן דעם 5טן אויגוסט, 1889
געשטאָרבֿן דעם 6טן אָקטאָבֿער, 1938

מ. באָגדאַנסקי

לעצטע קלאַנגען

לידער

פאַרלאַג „ארבעטער וועלט“ — שיקאַגאָ
1939.

-33216-

Lms
9

אַנדערע ביכער פון זעלבן מחבר:

אונטער אַמעריקאַנער הימלען
(ערשטער באַנד)

פעלדער און זאַנגען

▽

ALL RIGHTS RESERVED

די אויסגאַבע פון דעם באַנד לידער
איז אינדאָסירט געוואָרן פון די
פאָלגענדיקע קערפּערשאַפטן:

צענטראַלער שול קאָמיטעט אַרבעטער רינג

י. ל. פּרץ שרייבער יוניאָן

דיסטריקט קאָמיטעט אַרבעטער רינג

פעדעראַטיווער קאָמיטעט פּועלי ציון

נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

קאָלעדזש פון אידישע שטודיען

בראַנטש 552 אַרבעטער רינג

ווי שיין זיינען אויף די בערג
די פיס פון דעם אנזאגער
וואס לאזט הערן שלום
וואס זאגט אן גוטס

ישעיה — קאפיטעל נב

פון פארלאג

שוין דאס דריטע מאל ווי דער פארלאג „ארבעטער וועלט" האט דאס פארגעניגן צו ברייגגען צום אידישן לעזער אין בוך פארם די שאפונגען און דיכטונגען פון דעם שריפטשטע־לער, דיכטער און געזעלשאפטלעכן טוער משה באגדאנסקי ע"ה.

אבער בעת דער פארלאג „ארבעטער וועלט" איז,ביים ארויסגעבן „אונטער די אמעריקא־נער הימלען" און „פעלדער און זאנגען", געווען איבערפילט מיט דער האפנונג, אז דאס איז בלויז אן אנפאנג פון באגדאנסקי'ס שאפן, איז דער פארלאג איצט, ביים ארויסגעבן דאס דריטע בוך, שוין מער מיט אט דער האפנונג ניט בא־זעלט. דער גרויזאמער אומ'ברחמנות'דיקער טויט האט דעם אזוי באליבטן דיכטער פון אונז אוועקגעריסן אין סאמע מיטן פון זיין הערליכן לעבן און מיר קענען דא געבן בלויז די גייסטיקע ירושה, וואס ער, באגדאנסקי, האט נאך זיך איבערגעלאזט. קיין נייע שאפונגען זיינע וועלן מיר שוין מער פון זיין פען ניט

קריגן. זיין פּען איז צעבראָכן געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען דער מחבל אויטאָמאָביל האָט פון אים זיין לעבן אָוועקגענומען.

דאָס בוך וואָס מיר ברענגען איצט פאַר דעם אידישן לעזער באַשטייט פון אַ רייע לידער, וואָס באַגדאַנסקי האָט געהאַט אויסגעדיכטעט אָבער נאָך ניט פאַרפּענטלעכט. צו די לידער וואָלטן דערזען די ליכטיקע שיין אין דערזעלבער פאָרמע ווי מיר גיבן זיי דאָ, אויב באָגדאַנסקי וואָלט געלעבט, נעמען מיר זיך ניט אונטער צו זאָגן. ער, וועלכער האָט זיך באַצויגן מיט אַזוי פיל דרך ארץ צום געדרוקטן וואָרט און מיט אַזוי פיל ליבע צו זיינע שאַפונגען, ער, וועלכער האָט שטענדיק אַזוי פיל געפיילט און געהובלט יעדעס ליד, איידער ער האָט עס איבערגעגעבן צום דרוק, וואָלט אפשר נאָך געענדערט אייניקע לידער, צוגעבנדיק דאָ אַ וואָרט און דאָרטן אַ שורה. און אפשר זיינען די לידער שוין געווען פאַרטיק צום דרוק און ער אַליין וואָלט זיי שוין אויך ניט געענדערט. אָבער ווי די זאַך וואָלט ניט געווען, פילן מיר אַז באַגדאַנסקי׳ס לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן מיט צערטליכקייט און ליבע טאָרן ניט פאַרלוירן גיין און דאַרפן פאַרבלייבן צווישן די שאַפונגען פון דער אי־דישער ליטעראַטור.

פון די דערפאַרונגען, וואָס דער פאַרלאַג „אַר־בעטער וועלט" האָט געהאַט ביים אַרויסגעבן די ערשטע צוויי ביכער אונטער דער פּערזענלע־כער אויפזיכט פון זייער מחבר, ווייסן מיר מיט וויפיל איבערגעבנהייט, אויפמערקזאַמקייט און ליבע דער טראַגיש אומגעקומענער דיכטער האָט זיך באַצויגן צו זיינע גייסטיקע קינדער. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיין וואָס שענער און וואָס בעסער, וואָס אָנציענדער פאַר'ן אויג. אין דעם אינהאַלט פון בוך איז געלעגן אַ טייל פון זיין הערלעכער נשמה און אין דעם אויסזען און דרוק איז געלעגן אַ טייל פון זיין עסטעטישן חוש. ווי אַ געטרייע מוטער, וואָס פּוצט אויס אירע קינדער וואָס שענער האָט ער זיינע ביכער אויסגעצירט. און אַזוי באַמיען מיר זיך דאָס איצטיקע בוך צו מאַכן.

סיי ביים זעצן, סיי ביים דרוקן דעם איצטיקן בוך פילן מיר ווי דער גוטער ליבער באָגדאַנסקי, וועלכער האָט ביי זיין לעבן פאַרמאָגט אַזוי פיל האַרציקייט און פריינדשאַפט, שטייט איבער אונז און ווייזט אונז ווי אַזוי און וואָס צו טאָן. מיר פילן דעם שטילן טאָן מיט וועלכן ער האָט זיינע אינסטרוקציעס געגעבן, מיר זען זיין נשמה אַרומשוועבן אין דער דרוקעריי, צוקוקענדיק זיך צו די שורות, וועלכע מיר גיסן אויס אין

בליי און וועלכע ער האָט אויסגעגאָסן מיט אַ ציטער פון זיין נשמה און אַ שנעלערן קלאַפּן פון זיין ברייט הארץ.

ניט פאַר אונז איז צו געבן אַן אָפּשאַצונג איבער די לידער, וועלכע גייען אריין אין דעם איצטיקן באַנד. דאָס לאָזן מיר איבער צו די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער און צו דעם געשמאַק פון דעם לעזער. מיר ווילן נאָר אויסדריקן אונזער דאַנק צו דער אלמנה דר. שמולעוויטש-באָגדאַנסקי פאַר דעם כבוד, וואָס זי פאַרשאַפט אונז מיט אָנטרויען אונז אַרויסצוגעבן די גייסטיקע ירושה פון איר אַזוי באַליבטן פאַרשטאָרבענעם מאַן. מיר האָפן, אַז אונזערע באַמיאונגען אַרויסצוגעבן דעם בוך וואָס שענער און בעסער וועלן איר איבערצייגן, אַז מיר האָבן איר אָנפאַרטרויען פאַרדינט. זאָל דאָס בוך דינען איר אַלס טרייסט אין איר טרויער.

מיר דריקן אויס אונזער הארציקן דאַנק צו דעם צענטראַלן שול קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג פאַר נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע אין העלפן אַרויסגעבן דעם באַנד, צו דער י. ל. פּרץ שרייבער יוניאָן, צו דער דיסטריקט קאָמיטע א. ר., צו דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון די פּועלי ציון, צו דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד,

צו דעם קאלעדזש פון אידישע שטודיען, צו ברענטש 552 א. ר. פאַר זייער אינדאָסירן די איצטיקע אויסגאַבע און זייער פאַרשפּרעכן צו העלפן דעם בוך פאַרשפּרייטן און צו פריינד מ. אינדריטץ, וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דער אויסגאַבע.

אַ באַזונדער האַרציקן דאַנק דריקן מיר אויס צו פריינד ב. גראַבאַרד פאַר רעדאַגירן דעם באַנד לידער.

מיר פילן, אַז מיט דעם אַרויסגעבן פון דעם בוך לידער שטעלן מיר די ריכטיקע מצבה נאָך אונזער ליבן טייערן אונפאַרגעסלעכן האַרציקן פריינט, דעם שיינעם דיכטער, ליבן מענטש און גוטן חבר משה באַגדאַנסקי ע"ה.

מיט טרויער,

פאַרלאַג „אַרבעטער וועלט"

אן אריינפיר

דאס בוך לידער איז צענויפגעשטעלט פון די צעזייטע און צעשפרייטע לידער, וואס זענען איבערגעבליבן פון דעם טראגיש אומגעקומענעם משה באגדאנסקי. דר. ב. שמולעוויטש, זיין ליבע פרוי האט זיי געפונען אין פארשיידענע העפטן און אין שופלאדן. אזוי אז דאס איז די איבערגעבליבענע ליטעראַרישע ירושה פון משה באגדאנסקי.

צוויי מאנוסקריפטן, וועלכע באגדאנסקי האט צוגעגרייט צום דרוק זענען פארלוירן געווארן. ער האט פאר מיר געלייענט א סעריע נאטור לידער, קינדער לידער און שטאטלידער. זיי זענען אוועק צוזאמען מיט אים. איך האב אויך געלייענט העלדן בילדער פון אידיש אמעריקאנער העלדן, וועלכע האבן געדארפט צוזאמענשטעלן א צווייטן באנד „אונטער אמערי-

קאַנער הימלען". וואָס עס איז געוואָרן פון די מאַנוסקריפּטן איז אַ מיסטעריע, וואָס איז פאַר מיר פאַרהוילן. אפשר וועט די צייט זיי צוריק ברענגען און זיי וועלן דערזען די ליכטיקע שיין. זיי זענען געווען פיינע טאַלאַנטפולע זאַכן.

די לידער, וואָס גייען אריין אין דעם בוך האָבן מעגלעך געדאַרפט די קינסטלערישע השגחה פון באַגדאַנסקין. ער האָט זיך מן הסתם געגרייט זיי צו פיילן, פוצן און שלייפן ווען ער וועט געפונען צייט, און זיי גרייטן פאַר דער עפנטלעכקייט. ליידער האָט ער קיין צייט ניט געפונען. מיר האָבן זיי אַרויסגענומען פון דער פּאָעטישער לאַבאַראַטאַריע, וואו זיי זיינען געלעגן און געוואַרט אויפן מייסטער. אַ טייל זיינען אפילו ניט פאַרענדיקט. איך האָב אָבער געפילט, אַז ס'איז בעסער זיי איבערצולאָזן מיט באַגדאַנסקים ווארימען הויך אויף זיי, און זאָלן זיי געפינען תיקון אין דער פאַנטאַזיע פונ'ם לייענער. זיי זענען בלויז איין טייל פון באַגדאַנסקים קאָלירפולער פערזענלעכקייט. אָבער

זיי כאראקטעריזירן דעם מענטש באגדאנסקי מער און בעסער ווי אלע זיינע אנדערע ארבעטן און אקטיוויטעטן.

אין די לידער ווי אין זיין פריער געדרוקט בוך לידער פליסן צוויי דינע, שטילע שטראמען פון ווארימער ליבע צו דער נאטור. א כמעט רעליגיעז געפיל צום פויער, צו גראז, פעלדער, וועלדער, זון און רעגן, א געפיל פון בענקשאפט צו דער הארמאניע פון דער נאטור. און גלייכצייטיק איז דא די ווייבקייט און גורלדיקער רעזיגנאציע צום טומלדיקן כאאטישן שטאט לעבן. אין אלע לידער איז דא אן עקשנות'דיקע פראגע וועגן דעם זין פון לעבן אויף דער ערד, וואס איז פול מיט שנאה, וועלפישער פארציקונג און זינלאזע שחיטות און מערדערייען. אין זיינע ערשטע לידער איז דא דער ווילן ארומצונעמען אלע גאטס באשעפענישן פון די חיות ביז צו די מלאכים. זיי זענען פול מיט אומערמידלעכער ליבע צו אלץ וואס לעבט און ליידט. א ליבע ווארימקייט איז אויסגעגאסן אויף אלע שטילע, אפטמאל מעלאנכאלישע געזאנגען אויף אלץ

וואס ווידמעט זיך אויף גאַטס ערד. אַלע זיינע לידער זענען פול מיט אידישער טראַדיציע. אפילו זיינע נאַטור לידער האָבן די פיינלעכע בענקשאַפט צו עפּעס פון וואס מ׳איז אָפּגעריסן געוואָרן, און מ׳קומט צו דעם ווידער צוריק.

די לידער אין דעם בוך ווייזן אויך די זעלבע צוויי שטראָמען. אָבער דאָ דאָמינירט גיכער די רעזיגנאַציע. ניט אונטערגעבן זיך, נאָר אָקצעפּטירן מיט אַ שמייכל, ווייל פון אינווייניק האָט אַרויסגעשיינט דאָס ליכט פון בטחון און האָפנונג, אַז דאָס גוטע וועט סוף כל סוף זיגן. די לידער דריקן אוים אויף אַ שטילן, מינאָרנעם אויפן אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך שטילקייט, רו און פרידן. פאַרלאַנג און שרעק, טרויער און זאָרג, געראַנגל און אַפּאַטיע ווערן איינ־געהילט אין אַ שטילן שמייכל פון רעזיגנאַציע. די לידער זענען הויפּטזעכלעך צייט שטימונגען פון אַ סענסיטיוון, פיינפילנדן דיכטער. אָבער ביי אַ רייפן אינטעליגענטן מענטשן ווערן צייט שטימונגען פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס פילאָ־זאָפיע. אין אָט די צייט שטימונגען פון האָפנונג

און אַנטווישונג ראַנגלען זיך אין זיין געמיט, און קעמפן פאַר דיכטערישער פאָרמע.

די לידער זענען טיף עמאָציאָנעלע, געליטערט אין אַ שמייכל פון שטילער בענקשאַפט און גרייטקייט די בענקשאַפט איבערזעצן אין מעשים. זיי זיינען פשוט און קלאָר ווי אַ גוט באַקאַנט ליד. דער ריטם אַן אַלטער און קאָנ־ווענציאָנעלער, כאָטש די שטימונגען זענען גאַנץ מאָדערנע, סתירהדיקע און ווידעראַנאַנ־דיקע. דאָס איז דערפאַר ווייל דער וויטיק, דער שטאָם פון די שטימונגען איז אַן אַלטער אַן אייביקער. דער ליריזם איז אַ דינער, אַן איי־דעלער, עס ליגט אין אים זכרונות פון אַ רוסיש אידישן אינטעליגענט. דער ליריזם איז געוואַרימט געוואָרן אין די ווענט פון דער היימישער ישיבה, און אין נאַכטיקע חלומות פון אַ באַפרייטער וועלט. דאָרט אין רוסלאַנד האָט משה באָג־דאַנסקי זיין לירע געוואַרימט אין דער רוסישער און העברייאישער ליריק. דאָ אין אַמעריקע האָט ער געפּרואווט אַמעריקאַנער לעגענדע שאַפן אין פּראָזע. ווייל די גרויסע שטאָט האָט דערדריקט

דעם צאַרטן ליריזם פון דער לאַנדשאַפט און פון דער בענקשאַפט צו רו און גליק. דער ווייכער, מילדער ליריזם שיינט פונדעסטוועגן אַרויס פון אַלע זיינע לידער, אפילו פון די ניט פאַרענדקטע. אַ היבשע צאָל לידער זענען אָפּגעהאַקטע, איבערגעריסענע. משה באַגדאַנסקיס לעבנס סטרונע איז אינמיטן איבעריסן געוואָרן און געלאָזט אויך די לידער נישט פאַרענדיקטע. זאָלן זיי בלייבן אינטימע עדות פון אַן אָפּגעריסן, ניט פאַרענדיקט לעבן. זאָלן זיי אויך זיין אַ טרייסט. נישט אַלץ דעקט צו די ערד. זאָל זיין ליד דערמאָנען אין זיין סענסיטיווער ליבע צום לעבן און מענטשן. זאָל זיין נשמה געפינען תיקון אין׳ם ליד.

ב. גראָבאַרד.

לעצטע קלאנגען

ניט טאג און ניט נאכט

ניט טאָג און ניט נאַכט.
ווער האָט פון וואַנען די גרויקייט געבראַכט?—
די הימלען פאַרגרויטע, זיי קוקן פאַרטראַכט,
זיי קלערן: ווער וועט דאָס געווינען די שלאַכט,
דער טאָג וואָס פאַרגאַנגען, די קומענדע נאַכט?

ניט טאָג און ניט נאַכט.
קיינער וועט קיינמאָל געווינען די שלאַכט!
עס האָט דאָך דער בורא פון אָנפאַנג געמאַכט,
עס זאָלן זיך בייטן דער טאָג מיט דער נאַכט;
טאָ, ווער האָט פון וואַנען די גרויקייט געבראַכט?

ניט טאָג און ניט נאַכט.
די גרויקייט האָט אומעט און שרעק נאָר געבראַכט;
ניטאָ מער קיין שטראַל-ליכט, עס קומט אָן די נאַכט.
די גרויקייט האָט וועלטן שוין חרוב געמאַכט!
ווער האָט, יאָ, ווער האָט די גרויקייט געבראַכט?

ניט טאָג און ניט נאַכט.
ווער האָט פון וואַנען די גרויקייט געבראַכט?—
עס האָט שוין ניט איין טאָג פאַרשלונגען די נאַכט,
דאָך האָט אונז דער מאָרגן אַ ליכט-שטראַל געבראַכט
און מיר האָבן ווידער צום לעבן דערוואַכט.

ניט טאָג און ניט נאכט.
ווער האָט פון וואַנען די גרויקייט געבראַכט?
גרויט זיך ניט הימלען און זייט ניט פאַרטראַכט,
צענדליקער יאָרן אין מדבר פאַרבראַכט
האָב איך הערנאָך דען קיין פסח געמאַכט?

ניט טאָג און ניט נאכט.
ווער האָט פון וואַנען די גרויקייט געבראַכט?
איר פעלקער, איר האָט דאָך אַ טעות געמאַכט,
מיין מאָרגן, ער וועט ניט פאַרשלינגען די נאַכט!
ווייל קיינער וועט קיינמאָל געווינען די שלאַכט.

פארנאכטיקער גרוי

אַ וואָלקן, ער שוועבט אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
איך אַ פאַרנאַכטיקער טראָג זיך אַזוי.
אַ זון שטראַל, אַ לעצטער, באַגילדעט פון וואָלקן דעם זוים,
אַ זון שטראַל, וואָס שיינט נאָך,—נאָר וואַרעמט שוין קוים,
אַ וואָלקן וואָס טראָגט מיט אַ ליכטיקן פלעק אינם גרוי,
פון ווינטל פון מילדן געטריבן, ער טראָגט זיך אַזוי.
דער וועג אַזאַ ווייטער, גערוימער—אומענדלאך דער רוים.
טראָגט ער זיך ביז ער פאַרלירט אָט דעם ליכטיקן זוים.
ביז אָט די שפיל ווערט פאַרלוירן אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
ביז ער אַליין ווערט ערגעץ פאַרשוואונדן אַזוי.
אַ וואָלקן ער שוועבט אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
איך אַ פאַרנאַכטיקער טראָג זיך אַזוי.

דאָרף און שטאָט

ווייט פון שטאָטישן טומל,
אַ קלאָרע, אַ זילבערנע נאַכט
פאַרוויגט האָט דאָס רואיקע דערפל,
וואו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט.

דער הימל דאָרט ווייט אַ צעשפּרייטער
מיט דימענטן, שטערן באַצירט;
זיי פינקלען און ווינקען זיך איבער,
אויף סודות־שפּראַך האָבן פאַרפירט.

אַ שטילן געשפּרעך, אַט די שוועסטער,
הויך אינם פּורפּורנעם ראַנג,
זיי חזרן איבער די סודות
פון יאָרן און יאָרן שוין לאַנג.

צווישן זיי לאַנגזאַם און רואיק,
אין געטליכער פרומקייט באַוועגט,
אין הימלישן זייבער געלייטערט —
האָט די לבנה געשוועבט.

זי האָט מילד אירע שטראַלן געוואָרפן,
באַשיינט און באַלויכטן די וועלט,
געטובלט אין זילבערנעם שימער
דאָס גרינע באַקליידעטע פעלד.

אין זילבערנעם שוים האָט געטראָגן
סודות, די נאַכט זייער פיל;
זי האָט מיר בלויז איינעם פאַרטרויעט,
זי האָט מיר געזאָגט אין דער שטיל:

שלאָפט רואיק און זים אָט דער דאָרפס-מענטש,
גאָט ליבט אים דעם פרידליכן העלד —
און העלפט אים אַרוים אין זיין אַרבעט,
מאַכט וואַקסן די תבואה אין פעלד...

אין נאַכטיקער שטילקיים, אין דערפל
די הייזקעלאך שטייען ווי בלינד
די געגנט האָט דרימלענד געשמייכלט,
אַזוי ווי אַ קליינינקער קינד...

אים האָבן מלאכים געצערטלט
און האָבן פאַרשפּראָכן בסוד,
אויף אייביק מיט אים דאָ צו בלייבן
ווייטער, וואָס ווייטער פון שטאָט.

די שטאָט איז אַ זומפּיקער מקום
דאָרט קאָנען מלאכים ניט זיין,
פאַרשיכורט דאָרט חלומן אַלע
פון געלט, פון זינד און פון וויין...

נאקטורן

ס'האָט די נאַכט איר בוך געעפנט
אין די זון פאַרגאַנגען ווידער
און די וועלט צו רו געלאָזן
פרישער אָטעמען די גראָזן;
פליסט אַ שטראָם געזאַנג און טרעלן
ווי די פרייע וועלט זאָל וועלן
צו דער שטילער נאַכט דאָרט זינגען
לידער, לידער, לידער.............

ס'האָט די נאַכט איר בוך געעפנט
און ווי פאַרזיכטיק זי בלעטערט
אין דעם נאַכטיק שטילן שווייגן,
צווישן זאַנגען, צווישן צווייגן,
אויפן פעלד און אין דעם גאָרטן,
וויפיל פינגער רירן דאָרטן?
און אַ שאָטן אויף אַ שטן
קלעטערט, קלעטערט, קלעטערט....

וויטע ברייטע האָריזאָנטן
מיט דעם נאַכט קאָליר פאַרצויגן
און אַ ווינטעלע אַ קילער
טראָגט די נאַכט-שפּראַך שטילער, שטילער,
ס'זאָל זי קיינער נים דערהערן,
זי זאָל חלילה פראָסט ניט ווערן;
בלויז פון אויבן ערגעץ קוקן
אויגן, אויגן, אויגן.............

ס׳האָט די נאַכט איר בוך געעפנט
איז די וועלט געוואָרן אייַנגער;
אין דער פינסטערניש פאַרקליבן
האָט דאָרט עמיץ צוגעשריבן
נאָך אַ בלאַט צו דער לעגענדע
וועלכע ציט זיך אָן אַן ענדע
נאַכט אויף נאַכט אַלץ מערער, ווייטער,
לענגער, לענגער, לענגער.........

טראָגט אַ מילדער שאָרך פון ווייטן,
ווי אַ פּעע וואָלט דאָרט שוועבן
און מיט זיידן פליגל ווייען;
ס׳זאָל קיין מענטשן־אויג ניט זען —
האָט אַ פּאָרל זיך פאַרקליבן,
ווי די טויבן שטיל זיך ליבן
און אַן ווערטער ווערט פאַרשריבן
לעבן, לעבן, לעבן..............

ער און זי

די לבנה איז אַ גאַנצע,
קוקט אוים פריילעך אַזוי היינט;
ראַמט ער איין איר אויפן אויער
און ער דריקט איר צאַרטע האַנט.

קום מיט מיר אַוועק פון דאַנען,
קום, אין פּאַרק, אַרויס פון שטאָט
שטייען ביימער אין די רייען —
דאָרט פאַרטרוי איך דיר מיין סוד.

צווישן ביימער און אַלייען,
וועל איך דיר גערמט נעמען:
קיינער וועט אונז ניט זען,
דאַרטן דאַרפסטו זיך ניט שעמען.

זעסט די נאַכט מיט וויפיל אויגן,
ווי זי ווינקט צו אונז איצט שיין?
כ'וועל צום קוועלכל דיך פירן,
וועלכעס פליסט דאָרט פון אַ שטיין.

אינם טייכל דאָרט דערנעבן,
ווּעסטו זען אַלע שטערן:
ווּעסטו נאָר אַ הין אַ קוק טאָן,
ווּעט מיט צוויי נאָך מערער ווערן.

און ער וואַרפט מיט קאָמפּלימענטן
און דערציילט איר טויזנט גליקן,
און ער קוקט איר אין די אויגן,
און ער קושט זי מיט די בליקן.

ווען אין שטאָט איעדער שלאָפט שוין,
ס'איז פאַרמאַכט שוין אַלע טירן,
גייט דער בחור מיט דער מיידל
אינם פּאַרק נאָך דאָרט שפּאַצירן.

און ער גלעט זי פאַר די לאָקן,
און עס רייצט די לוסט בייביידן,
און עס קלינגען אין דער לופט אָפּ
הייסע קושן טעם גן עדן.

און ביים פייער פון געפילן
שמעלצן הערצער זיך צוזאַמען;
האָבן ביידע אויפגעשטורמט —
שלאָגן וועלן, ווי אין ימען.

שוין פאַרלאָזן די אַלייען —
אומגעגאַנגען זייער לאַנג,
און זיי זיצן ביידע מידע
אָפּצערוען אויף אַ באַנק.

און ער גלעט איר צאַרטעס הענטל,
קוקן ביידען ווייט און שווייגן;
און זי שפּילט זיך מיט אַ בלעטל
אָפּגעריסן פון די צווייגן.

זיצן נאָענט איינס צום צווייטן
און מען הערט די הערצער קלאַפּן;
שפּרינגט זי אויף און הויבט אָן לויפן
און ער לויפט איר נאָך, זי כאַפּן.

איך האָב געכאַפּט דיך, קלינגט זיין שטימע
און געלעכטער שלאָגט פוןביידן —
ווערסט מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן,
נאָר דער טויט ער וועט אונז שיידן.

זעסט פון אויבן, אָט דעם הימל,
מיט זיין טונקל בלויער שיין,
די לבנה און די שטערן?
אַלע וועלן עדות זיין.

ס׳האָט פאַרויטלט זיך די מיידל,
אין די אויגן פערל טרערן:
און עם פינקלען אירע בליקן,
ווי אין הויך די זילבער שטערן.

נאָר אויף מאָרגן גייט די מיידל
מיט דעם חלום — איר באַגלייטער;
און דער בחור? אוי דער בחור!
גייט געאַרמט מיט אַ צווייטער...

די יארן פליען

אויף אַ לאַנגען שטיק געוועב
איז אַ פלאַנטער געוואָרן,
האָבן זיך פאַרנומען שדים,
איינציגווייז די פעדים
פון דעם פלאַנטער ציען.

***

ברענגט דער מאָרגן שיין די זון אַרויס
און גיסט אויף גאָר דער וועלט
איר גאָלד־ליכט אויס;
עס ווערט מיין וועלט,— מיין הארץ,
פול פרייד און מוט,
פאַרצאַפּלט ווי אַ קינד
כ׳שפּרונג דער ליכטיקייט אַנטקעגן;
איך יאָג זיך אום אַהין, אַהער,
אויף נאָענטע און ווייטע וועגן,
הויבט אָן די זון אין מעריב זייט
אין פאַרבן־שפּיל שוין אונטערגיין,
און לאָזט אויף הפקר איבער
מיך און גאָר די וועלט.

הער איך דאַכט זיך עמיץ שעלט —
שעלט און שעלט און ווערט שיר דיל
פון באַהעלטעניש די גריל:
אַ רוח, אַ שד האָט אָפּגעריסן
פון דעם פלאַנטער נאָך אַן עק!
אַ גרויקייט קומט, פאַרבייט דעם טאָג
וואָס גייט אַוועק.

⁂

און די יאָרן פליען...
אויף אַ לאַנגען שטיק געוועב
איז אַ פלאָנטער געוואָרן,
האָבן זיך פאַרנומען שדים,
איינציגווייז די פעדים
פון דעם פלאָנטער ציען.

קנאָספּן

שטיל געוואָרן מיט אַמאָל
אַלעס ווי פאַרפראָרן;
נאָר אין שטילקייט יעדע בייט
האָט אַ קנאָספּ געבאָרן.

קנאָספּן — עדות פון נאַטור
אַז מען דאַרף ניט שרייען,
ווען באַשאַפן דאַרף מען וואָס
אָדער וואָס באַנייען.

שפּריצט די זון מיט ליכט און בלענדט
גרין און גאָלד, אין מאָרגן;
שפּריצט מיט פרייד פון איבעראַל,
העי, ווער דאַרף דאָס זאָרגן?!

מיט זיך אליין

אויף דעם הויכן באַרג
שטייט דער גרינער וואַלד;
פון דעם גרינעם וואַלד
ציט אַראָפּ פון באַרג
אין דער גאַנצער לענג
פון דעם טיפן טאָל
אונטן אויסגעשטרעקט,
ווי אַ לאַנגע צונג
אין דער וועלט אַריין,
אַ געשטויבטער וועג.

אין דער פינסטערניש
בלייכט זיך דאָ דער וועג
און ער פירט מיך אום,
פירט מיך ערגעץ ווייט;
ווי אַ בלאָנדזשענדער
גיי איך אַלץ מיט אים
אין דער וועלט אַריין,
גיי איך אַזוי שטיל
הער דאָס ווידער־קול
פון די שטילע טריט,
מיינע שטילע טריט,
אין דער שטילער נאַכט
און אין הארצן טיף
קוועלט אַ שטילע פרייד
וואָס איך בין אַליין,

דאָ מיט זיך אַליין
צווישן באַרג און טאָל,
צווישן פעלד און וואַלד,
אין אַ מיטן נאַכט,
ווען אין טיפן רוים
שוועבט אַ חלום אום
צווישן שטערן אום
שוועבט ער אין דער שטיל
און אַנטציקט די וועלט;
פון אַנטציקונג איך
אַלס אַ טייל פון וועלט
און אַליין אַ וועלט
שטרענג מיין אויער אָן
און מיין אויער ווערט שאַרף
און אין האַרצן גראַם.

דאָ מיט זיך אַליין,
ווייט פון גרויסער שטאָדט
הער איך יענעם סוד,
וואָס באַהאַלט אין זיך
אָט דער ווייטער וועג,
דער געשטויבטער וועג,
וואו עס שטאַרבט דער קלאַנג
פון מיין טריט און גאַנג,
ווי אין לעבנס וועג
שטאַרבן מיינע טעג.

און פאַר מיילן ווייט
כאַפּט מיין אויער אויף
אַזאַ שיינע שפּראַך
אין דעם שטילן קלאַנג
פּאַליאַ, פּאַליאַ־פּליו
פּאַליאַ, פּאַליאַ־פּליו
פון אַ וואַסער־גאַנג
וואָס דערציילט מיר שטיל
פון אַן אייביגקייט
וואָס פאַרשלינגט דעם קלאַנג
פון דעם וואַסער־גאַנג
און עס רייסט פון האַרץ
שטיל אַ תפלה זיך
און אַ לויב געזאַנג
צו דער אייביגקייט.

טריאָלעטן

אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען,
ווי צעצווייגט עס איז דער וועג,
ערגעץ איז דאָך גליק פאַראַנען!
— אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען —
קומט אַנטקעגן ווער פון וואַנען,
זוכט ער אויך אַ נייעם וועג,
אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען,
ווי צעצווייגט עס איז דער וועג.

ס'האָט דאָס לעבן טויזנט וועגן,
קלייב זשע דיר דיין וועג אַליין,
קומט דיר ווער אַמאָל אַנטקעגן,
ס'האָט דאָס לעבן טויזנט וועגן —
פרואוו באַ אים ניט נאָכצופרעגן,
ווייסט אים סיי ווי ניט פאַרשטיין,
ס'האָט דאָס לעבן טויזנט וועגן, —
קלייב זשע דיר דיין וועג אַליין.

קלינג־קלאנג...

קלינג־קלאַנג, שפּאַלט די לופט דער גלאָקן קלאַנג
און ציטערט אין זיין אָפּקלאַנג ווייט און ברייט;
צו דער אוונט תפלה, ווען די זון פאַרגייט,
גייען גויים צו דעם קלויסטער שטילערהייט.

קלינג־קלאַנג, שפּאַלט די לופט דער גלאָקן קלאַנג
און ציטערט אין זיין אָפּקלאַנג מיט אַ שווערן סוד.
יעדערער דערציילט דעם גלח די חטאים, וואָס ער האָט
און ער פאַרזיכערט זיי: „דיין ודוי האָט באַוויליגט גאָט.״

קלינג־קלאַנג, שפּאַלט די לופט דער גלאָקן קלאַנג
און ציטערט אין זיין אָפּקלאַנג ווייט און ברייט;
פאַרבליבענע אין קעלערן, באַהאַלטן קינד און קייט,
צום טויט דערשראָקענע, זיי ליגן שטילערהייט.

קלינג־קלאַנג, שפּאַלט די לופט דער גלאָקן קלאַנג
און ציטערט אין זיין אָפּקלאַנג מיט אַ שווערן סוד:
אויסגעקוילעט האָבן גויים אַלע אידן פון דער שטאָט
און פון גזלה א מתנה היינט געבראַכט פאַר גאָט.

קלינג־קלאַנג, שפּאַלט די לופט דער גלאָקן קלאַנג
און ציטערט אין זיין אָפּקלאַנג ווייט און ברייט;
נאָך דער שחיטה האָט די נאַכט אין שווארצן זיך געקליידט
און אין קלויסטער גוים פרעפּלען אַ געבעט.

אונזער טרויער טאג

שטאַרק פאַרקלעם די ציינער, ברודער,
שוויַיג און רעד קיין וואָרט;
ס'איז ניטאָ קיין צייט פאַר איכה'ס,
פאַר דיין טרער — קיין אָרט.

ווי אבלים, שוואַרץ געקליידט
גאַנצע מחנות שטומע,
צום בית עולם גייט, באַגלייט
קדושים פון דער אומה —

ס'האָט די וועלט אונז אָפּגענאַרט:
ס'איז ניט וואַר דער חלום!...
אין מענטשן-האַרץ איז נאָך דערוויַיל
קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר שלום!...

שטילער, שטילער זאָל היינט זיין —
איינגעבויגענע אין פּיין
זאָלן ציען רייען לאַנג
אין דעם שטילן טרויער גאַנג.

איבער גאַסן וויַיט אַוועק
טראָגט מיט זיך דעם גרויל און שרעק!
זאָלן פרעמדע אונז היינט זען
גאַנצע מחנות שטומע גייען.

און פון יעדן אידישן הויז
הענגט אַ טרויער פאָן אַרויס —
זאָל זי פלאַטערן אין לופט
ווי דעם ברודער'ס קול וואָס רופט.

עפּעס הער איך . . .

עפּעס הער איך מאָדנע קולות,
עפּעס בין איך ווי צעמישט;
עפּעס וויינט זיך און עס פרייט זיך —
דאָך אַנטשיידן קאָן איך נישט.

רויטע יאָרן, שוואַרצע דורות,
עשאַפּאָטן אָן אַ שיעור;
לאַנגער גלות, שווערער לעבן
האָבן אַ תל געמאַכט פון מיר.

אין דער גאַנצער וועלט דער גרויסער
איז מיר אימער ווי און ווינד,
וואו אַ לאַנד נאָר, וועסט געפינען
וואַנדלט דאָרטן מיינס אַ קינד. . .

און איצט דאָרטן אין די רייען,
יעדן טאָג אַזוי ווי רינדער,
ווערן וויפיל אויסגעשחטן
אויפן שלאַכטפעלד מיינע קינדער. . .

אין מיין האַרצן אויסגעלאָשן
יעדער פונק איז פון בטחון,
אַז מיר קענען וואָס געניסן
גאָר פון עמיצנס נצחון.

אני מאמין העלפט דאָך ווייניק
אין אַ צייט פון שווערע ליידן.
דאָך, וואָס איז דאָס? ווי אין חלום
זע איך איצט מיין ליבן זיידן.

האָט זיין טויטן בלאַסן פּנים
איבער מיר ווי איינגעבויגן
און אַ שמייכל אויף די ליפּן
אַזאַ שיינער אויסגעצויגן.

אני מאמין שעפּטשעט שטיל ער:
מיין ירושה האַלט מיר טייער!...
אין מיין הארצן זיינע ווערטער
צינדן אַ הייליק פייער...

און איך הער ווי שופרות שאַלן,
שווערדן קלינגען אוים אַ ליד,
און פון מזרח שרייט אַ שטימע:
דיין דערלייזונג קומט אַן איד!

אליין

ניט אין קאווע הויז ביי טיי,
זיצנדיק מיט פריינט
און רעדענדיק מיט זיי,
געפינען קאָנסטו מיך
— — — ניין!
געפינען קאָנסטו מיך
נאָר דאָן, אין יענער שעה,
ווען קיינער איז מיט מיר,—
ווען איך בין ביי זיך, מיט זיך
— — — אַליין.

און זעסטו מיך אַמאָל
אַ שווייגענדיקן שטיין,
און טרעפסטו מיך אַמאָל
שפּאַצירענדיק אַליין,
ניט פרעג מיך ליבער פריינט,
וואָס איז מיט מיר געשען;
די גאַנצע וועלט איז מיין...
איך בין מיט זיך אַליין...

ביזט נאָך דאָן צו יונג געווען
שווער געווען דיר צו פאַרשטיין,
וואָס מיינט אין צווייען זיין
און בלייבן דאָך אַליין

ס׳איז א קורצער וועג

העי, העי, העי,
יאָג זיך ניט אזוי!
ס׳איז אַ קורצער וועג,
בלויז געציילטע טעג;
און דו גרייכסט צום ברעג
און דו ווילסט ניט מער,
און דו דאַרפסט ניט מער,
העי!

העי, העי, העי,
זאָרג זיך ניט אַזוי
אויף דיין קורצן וועג,
אַלע דיינע טעג —
יעדער ביי זיין ברעג
ווי אין אַ ים אַ טראָפּ
פאַלט ער שטיל אַראָפּ
און דו האָסט ניט מער
און דו דאַרפסט ניט מער
העי!

צו א פריינט

העי, העי, העי!
וויין ניט פריינט אַזוי;
עס איז צעפּראַלט מיין טיר
דו קום אַריין צו מיר,
פאַראַן פאַר דיר אַן אָרט,
דיך טרייסטן וועט מיין וואָרט.

העי, העי, העי!
דו שרעק זיך ניט אַזוי,
איך בין אַ מענטש ווי דו,
איך זע און הער זיך צו,
כאָטש דו האָסט ניט דערציילט
דאָך ווייס איך וואָס דיר פעלט.

העי, העי, העי!
איך זאָרג זיך ניט אַזוי;
איך בין אַ מענטש ווי דו,
כ׳האָב אויך קיין צייט פאַר רו
און יאָג זיך אין געדראַנג
דאָך, לאָך איך פון דעם גאַנג...

טרערן

מיט געבעט אויף אירע ליפּן,
טרערן אין די אויגן,
האָט ביים וויגעלע די מאַמע
בלאַס און איינגעבויגן
שיינע לידלאַך געזונגען,
טרויעריקע שטילע;
אין דעם אָפּקלאַנג פון איר שטימע,
יעדעם ליד — אַ תּפלה.

פאַרן לאַנד וואו ס׳האָט געוואַקסן
ראָזשעניקעס מיט מאַנדלען,
פאַר׳ן פאָלק, וואָס מיט זיין תורה
האָט געצומען וואַנדלען.

פאַר׳ן טאָג, ווען בית המקדש
חרוב איז געוואָרן;
אין דעם טאָג, דעם זעלבן טאָג
משיח איז געבאָרן...

מאַמעס טרערן זיינען הייליג
ווערן ניט פאַרפאַלן;
ווען דער גלות ענדלאך מוז'ן
ווען עס איז צעפאַלן...
האָט ביים וויגעלע די מאַמע
וויינענדיק געזונגען
און ניט איינע פון די טרערן
האָט דאָס קינד געשלונגען.

איז דאָס קינד שוין אויסגעוואַקסן
גיט ער איצט זיין שבועה:
מאַמעס חלום און פאַרלאַנגען
פאַרוואַנדלען אין נבואה.
קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן
מאַמעס צער און טרויער
אויף די חורבות פון דער אומה
ווערן צוריק אַ בויער!

דער קוואַל

עס האָט אַ רוישנדער קוואַל
פון פעלזן־האַרץ זיך דורכגעשלאָגן,
און האָט זיך אין דער ווּסטעניש
אַריבער שטיין און שטויב צעטראָגן.

און האָט אַ וואַנדערער, דורשט־פאַרברענט
זיך קוים ביז צו זיין שטראָם דערקליבן,
האָט ער פון צווישן ראַסט און שטויב
זיין ברענענדיקן דורשט פאַרטריבן.

געלייטערט האָב איך אָט דעם קוואַל —
איצט שפּילן דאָרטן זיבן זונען,
און האָט אַ קרוג נאָך דאָרט געפעלט
אויך אָט דעם קרוג האָב איך געפונען.

נו קוועלט דאָס וואַסער, שפּרינגט און זינגט:
קום שעפּ און טרינק דו דורשטיק־בלאַסער!
פון לויטער גינגאָלד איז דער קרוג
און לויטער זילבער איז דאָס וואַסער!

איך לאַך

איך לאַך, איך לאַך
פון זיך, פון אייך,
פון גאָר דער וועלט;

יאָ, איך און איר,
און גאָר די וועלט
מיר האָבן זיך
דעם וועג פאַרשטעלט;
מען לויפט פאַראוים,
טאָג איין, טאָג אוים,
מען יאָגט זיך נאָך
ווער ווייסט נאָך וואָס?

מען שאַפט, מען מאַכט,
מען שרייבט, מען טראַכט,
מען וואַרפט, מען בויט,
מען פאַרבט און רויט,
אין גרין, אין געל,
אין שוואַרץ, אין בלוי,
מען בייט אַזוי
אַ פאַרב נאָך פאַרב.

איך לאַך, איך לאַך
פון זיך, פון אייך,
פון גאָר דער וועלט.

פאראייניקט

קלייניינקע זעמדעלאך —
מען זעט זיי דאָך קוים,
קלענער ווי טראָפּנס
פון קאַלירלאָזן שוים.

זיי האָבן די כוואַליעס
אויף אייגענעם רוקן געבראַכט,
און געוואָרפן זיי נעענטער
אַלץ נעענטער צום ברעג.
ליגן די זעמדעלאך אין הויפנס,
האַלטן גאַנץ שטאַרק זיך צוזאַמען,
לאָזן די כוואַליעס ניט לויפן
אַריבער דעם ברעג. —

דראָבנינקע זעמדעלאך פאַראייניגט,
פאַרצוימען די כוואַליעס דעם ברעג.

קומען די כוואַליעס מיט שטורעם,
יאָגן מיט אימפּעט און רעש,
גרייט אַט די הויפנס צעשטערן
פאַרשווענקען ווי שטויב, ווי אַש.

נאָר שטאַרק זיינען זעמדעלאך פאַראייניגט,
פאַר זיי איז דער הויפן אַ גליק!
עס שלאָגן די כוואַליעס אין ברעג זיך
און ווערן פאַרשטויסן צוריק.

גליק . . .

בײַ די זײַטן גאַס
גײען מענטשן אום
יאָגן זיך נאָך גליק —
גליק וואָס איז ניטאָ,
גליק וואָס וועט ניט זײַן,
גליק וואָס קאָן ניט זײַן
ווען מען קומט דערצו.

און אין טיפן רוים
ווי אַ חלום שוועבט
און באַשפּינט די וועלט
מיט אַ שײנעם טרוים,
און די שטערן שטיל
ווינקען איבער זיך;
ווינקען אַזוי שײן,
לאַכן לײַכט פון זײ
וואָס זײ יאָגן שנעל.

אן אלטע מגילה

(באלאדע)

אויפ'ן בוידעם, צווישן שמות,
אויסגעפלעקט מיט גרינעם שימל,
איז פון יארן לאנג געלעגן
אין א ווייסן בלעכן-שייטל,
איינגעדרייט אן אלטער פארמעט;
אויף דעם פארמעט האט א סופר,
מיט א פען פון גענזן פעדער
אויסגעשניצט, און איינגעטונקען
אין דער שווארצער טינט פון גולאש,
אנגעשריבן, נאך זיין טבילה,
— די מגלה.
— — — — — — — — — —

אויף די ווייטע ברייטע וועגן
פון זיין ליבער אוקראינע,
איז מיט שטארע, גרויסע אויגן
ווי א ווילדער אומגעלאפן,
און די האר פון קאפ געריסן
ווי פון זינען, אונזער יאנקל
און געזוכט זיין ווייב און קינדער.
אז ער קלייבט א היים זיך קומען
האט ער זיי א בריף געשריבן,
איצט איז פון זיין הויז געבליבן
— נאר א חורבה.
— — — — — — — — — —

לאַנג איז ער אַרומגעלאָפן
איבער גאַנצע בערג הרוגים
און געזוכט צווישן פגרים
אפשר וועט ער דאָרט דערקענען
עמיצן פון זיינע קינדער;
אפשר וועט ער וואו דעם קערפער
פון זיין טויטער פרוי געפינען.
טראַך! עס פליט אַ קויל פון ווייטן,
האָט זיין הוט אַראָפּגעשאָסן
און ער פאַלט צווישן טויטע
— ווי אַ טויטער.
— — — — — — — — — —

אויף דעם קלאָרן, בלויען הימל
איז די זון אַרומגעשוואומען,
מיט מיליאָנען גאָלדענע שטראַלן
גאָר די וועלט האָט זי באַלויכטן;
נאָר פאָר יאַנקל׳ם אויג געווען
זיינען אירע שטראַלן — שפּיזן,
און ער איז ווי בלינד געוואָרן,
איצט ערשט ווען ער איז געפאַלן,
האָט זי אויך זיך שטאַרק פאַרדרייטלט,
האָט זי אויך, ווייזט אויס, פאַרשעמט זיך
— און אַוועק.
— — — — — — — — —

טונקלט, טונקלט זיך דער הימל,
הילט די גאַנצע וועלט אין שוואַרצן,
נאָר ווי עמיץ וואָלט דאָרט אויבן
אויף צו להכעיס וועלן צינדן
ליכטלעך קליינע, הויבן פונקען
אָן צו שפּריצן אויף דעם הימל;
פּלוצלינג איז אַ נס געשען
און אַ דיקער שוואַרצער וואָלקן
האָט פאַרצויגן יענע ליכטלעך,
און עס איז געוואָרן פינסטער
— חשך
— — — — — — — — —

אין דער פינסטער טראָגט זיך יאַנקל
ווי אַ וויכער צו זיין חורבה,
און זיין האַרץ, עס ציטערט, פּלאַטערט,
ווערט אויף שטיקער שיער צעריסן;
און זיין בלוט אין גאַנצן קערפּער
פילט ער ווי עס ווערט פאַרפרוירן,
נאָר ער טראָגט זיך — פייל פון בויגן,
ביז ער קומט צו יענעם שטיבל,
וואו זיין בעטל איז געשטאַנען,
וואו ער פלעגט נאָך שווערער אַרבעט
— רו געפינען.
— — — — — — — — —

און פון שטיבל?— בלויז דער קוימען
שטייט ווי נאַקעט, אַ פאַרשעמטער;
פאַלט אום יאַנקל אויף די שטיינער,
קושט זיי, וואַשט זיי, מיט די טרערן,
נאָר ער רעדט קיין וואָרט ניט אויסעט;
גראָבט דאָרט טיפער מיט די פינגער,
ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס זוכן,
און ער האָט דאָרט באַלד געפונען
יענעם ווייסן בלעכן־שיידל,
נאָר ער קען אים ניט דערקענען
— און ער שטוינט.

— — — — — — — — —

אויפ׳ן בוידעם צווישן שמות,
אויסגעפלעקט מיט גרינעם שימל,
איז פון יאָרן לאַנג געלעגן
אין אַ ווייסן בלעכן־שיידל,
איינגעדרייט אַן אַלטער פאַרמעט;
אויף דעם פאַרמעט האָט אַ סופר,
מיט אַ פּען פון גענזן־פעדער
אויסגעשניצט, און איינגעטונקען
אין דער שוואַרצער טינט פון גולאַש,
אָנגעשריבן, נאָך זיין טבילה,
— די מגלה.

און אפשר

און אפשר...
האָט עמיץ פאַרשאָלטן די שעה
אַף אייביק באַרויבט פונם מענטשן זיין רו...
און טרייבט אים אונענדליך אַרום אָט אַזוי...
אַז ער זעט ניט די שיינקייט פון הימלישן בלוי...

און אפשר...
האָט קיינער קיין אמת געזאָגט...
איין ברודער דעם צווייטן האָט קיין זאַך געטרויט...
געקומען איז דאַן אַ שוואַרצע די קראָ,
און האָט מיט איר קראַקען געבראַכט דעם טויט.

און אפשר. ..
האָב איך זיך אינגאַנצן גענאַרט —
ווען איך האָב געדולדיג אויף בעסערס געוואַרט,
געוואַרט און געהאָפט און געמאַטערט זיך שווער
און איצט — ס'אַ חלום געוועזן — ניט מער!

זינגען האָב איך ליב

זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
ווערן איצטער חרוב גאַנצע וועלטן
זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
הערסטו איצט מיך זינגען אַזוי זעלטן.

זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
דריקט אַ חבר מיר אַ האַנט אין טרויער צו אין פרייידן
זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
טרערן שטעלן אין די אויגן זיך באַביידן...

זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
הערסטו זינגען מיך איצט זעלטן;
זינגען האָב איך ליב נאָר ווען עס זינגט זיך
איצטער אָבער ווערן חרוב וועלטן...

זאל זיין

זאָל זיין — אַז די האַנט האָט אומזיסט זיך געשטרעקט?
זאָל זיין — אַז מיין אַרבעט האָט צופיל געוועקט?
זאָל זיין — אַז איינער אַליין וועל איך בלייבן?
זאָל זיין — אַז אַלע ווילן דעם איינעם פאַרטרייבן?
זאָל זיין — אַז העלפן וועט היינט קיינער ניט קומען?

אנטוישונג

געוואַרמט האָב איך יאָרנלאַנג,—
געהאָפּט אויף גוטע פרוכטן;
נאָר אויסגעפּיקט—
האָט זיך אַ שלאַנג...

און אַ פאַרקלעמטער אינם צוואַנג
שטיי איך דאָ באַם אַריינגאַנג
און זע ווי עס פּיקט
זיך אויס אין גאַנג—אַ שלאַנג...

דער רעגן

עס האָט זיך צעוויינט היינט דער מאָרגן דער גרויער
און גיסט אויף די שויבן אַ טרער נאָך אַ טרער,
עס האָבן זיך גאַסן געבאָדן אין טרויער,
עס האָט זיך צעוויינט היינט דער מאָרגן דער גרויער,
דער ווינט האָט אַ בייזער געקלאַפּט אינם טויער
און האָט אינם רעגן דעם אומעט געפירט.
עס האָט זיך צעוויינט היינט דער מאָרגן דער גרויער
און מיך האָט אַ שווערקייט ביז טרערן גערירט.

**
*

איך האָב מיט דער וועלט היינט מיין שייכות צעריסן
עס האָט מיך די בייגקשאַפט געהאַלטן ווי שטום.
עס האָט זיך מיין האַרץ היינט אין שטיקער געריסן,
איך האָב מיט דער וועלט היינט מיין שייכות צעריסן
איך וויל פון איר אומגליק און גליקן ניט וויסן.
איך וואַנדער אין צימער אַ שטומער ארום,
איך האָב מיט דער וועלט היינט מיין שייכות צעריסן
עס האָט מיך די בייגקשאַפט געהאַלטן ווי שטום.

**
*

עס האָט זיך די וועלט היינט צעוויינט אין מיין האַרצן,
רינט פון די אויגן אַ טרער נאָך אַ טרער.
באָדט זיך היינט אַלעס אין גרויען שוואַרצן,
עס האָט זיך די וועלט היינט צעוויינט אין מיין האַרצן,
שטורעמט און רייסט און פליקט שטיקער פון האַרצן,
עס ווערט אַזש דער אָטעם אַלץ ענגער און שווער,
עס האָט זיך די וועלט היינט צעוויינט אין מיין האַרצן,
רינט פון די אויגן אַ טרער נאָך אַ טרער.

ס׳אליגן

ס׳אַליגן, ס׳אַליגן, ס׳װערט קײנער געבאָרן,
דאָס טראָגט גאָר אַ קרעכצן פון גסיסה די נאַכט,
עס װערט איצט אַ פאָלק גאָר אַן אַלטער פאַרלאָרן,
ס׳אַליגן, ס׳אַליגן, ס׳װערט קײנער געבאָרן,
ס׳איז ניט קײן קולות צו פרײהײט געשװאױרן,
דאָס שרײַט גאָר אַ שד, װײל ער חוזק׳ט און לאַכט.
ס׳אַליגן, ס׳אַליגן, ס׳װערט קײנער געבאָרן,
דאָס טראָגט גאָר אַ קרעכצן פון גסיסה די נאַכט.

***

ניטאָ מער קײן הימל און הױב ניט די אױגן!
ס׳האָט כביכול פאַרלאָרן זײן מאַכט,
אַ גרױע, אַ שיטערע גרױקײט פאַרצױגן,
ניטאָ דאָרט קײן שטערן, נאָר לעכער פון אױגן,
װאָס מאָנען די לױן פון אַמאָליקער מאַכט.
ניטאָ מער קײן הימל און הױב ניט די אױגן,
ס׳האָט כביכול פאַרלאָרן זײן מאַכט.

א מאטיוו

איך האָב זיך געשטאַרקט, האָב געשטעלט זיך
אַנטקעגן;
באַגעגנט דעם שונא, מיט שטאָלץ
אויף די וועגן,
ווייל. . .
כ׳בין אין געשטאַלט פון׳ם בורא
באַשאַפן;
טאָר איך ניט לאָזן מען זאָל מיך
פאַרשקלאַפן.

כ׳האָב זיך געשטאַרקט, און מיין וועג זיך
געגאַנגען,
געהאָלפן דעם בורא די הימלען
דערלאַנגען.
כ׳האָב מיינע מוסקלען, די הענט
אויסגעצויגן
כ׳האָב פון דער ערד שטאָל און אייזן
געצויגן
ווייל. . .
כ׳בין אין געשטאַלט פון׳ם בורא
באַשאַפן,
טאָרסטו, דו מענטש, מיך דעם מענטשן
פאַרשקלאַפן!

כ׳האָב ווי דער אָדלער, צו הויכקייט
דערצויגן
אין טיפקייט פון רוים שוין געפירט.

דער ווינט

קלאַפּט אין פענצטער, קלאַפּ נאָך קלאַפּ,
אַף די שויבן טראָפּ נאָך טראָפּ.
ווינט אין רעגן, קאַלט און נאַס,
פו, ס'אַ וועטער אַף דער גאַס!

וואָס זשע ווילסטו, ווינט דו ווינט?
וואָס זשע וויינסטו ווי אַ קינד?
ווילסטו אין מיין צימער זיין?
וועט דיר דאָ דען בעסער זיין?...

ס'איז מיין צימער פינסטער ענג;
צוויי-דריי שפּאַן — אין נאָך דער לענג,
שפּאַן איך אום אַהין און צוריק,
ניין, ניטאָ אין דעם קיין גליק!

איך האָב געזוכט אין צימער רו,
ריים איך איצט זיך פּונקט ווי דו.
פאַר מיר איז דאָך די גאַס פאַרשטעלט
און דו — דו האָסט די גאַנצע וועלט!

אויף די פליגל פונם ווינט

עס האָט אַ שטויבעלע אין לופט,
אויף דעם ווינט געטראָגן —
פאַר דעם הימל זיך באַקלאָגט,
קלאָגט און וויינט און בעט און רופט:
גאָט!
פאַר וואָס בין איך אַזוי געשטראָפט?
קיין פרייער טאָג, קיין פרייע שעה,
ניטאָ פאַר מיר קיין רגע רו,
אָט פאַל איך אויף אַ בלאָט פון בוים —
איך האָב דעם בלאָט באַרירט ערשט קוים
קומט דער מינדסטער ווינטל —
„וואו"!
ער כאַפּט מיך אויף די פליגלען אויף
און טראָגט מיך, טראָגט מיך אָן אַ סוף
און קיינער פרעגט, פאַר וואָס,
ניט קיינער!

ביים ים

עס האָט זיך אַ יונגער פרימאָרגן צעשפּילט
כוואַליעס נאָך כוואַליעס האָבן צום ברעג זיך געאײלט
אימפּעטיק, שומיק, געיאָגט זיך,
טראָפּנס צעשפּריצט און געוואָרפן גאַנץ הויך
— אַ יונגער פרימאָרגן
פאַרטונקלט פון טראָפּנס אַזוי ווי פון רויך.

נאָר האָט זיך אין מזרח צעשפּילט
און צעשטראַלט פון ליכטיקע שפּיזן
האָבן זיך אײנציקע באַלד
דאָרט די טראָפּנס באַוויזן.
אַ טראָפּן, אַ קינד פון קאַלירלאָזן שוים
שײַנט אַזוי פאַרביק אין ליכטיקן רוים.

צעשפּילט פאַרן אויג זיך אַ רײַכטום
אין פאַרבן, קאָלירן;
אַ „ספּעקטרום" פאַר׳שכור׳ט דעם טוך
די אויגן הערן אויף אפּטער
די דעקלאָך צו רירן.

אין האַרצן הויבן אָן כוואַליעס אימפּעטיק שלאָגן
שטײי איך אַליין ווי אַ טראָפּן
דאָרט ערגעץ פאַריאָגט און פאַרטראָגן
און שוועב דאָרט אַ פאַרביקער, פאַרביק אין שפּיל
פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט אַזוי אין דער שטיל.

צו די לעגיאנערן

פרעמדער גייסט און פרעמדע וואפן
האט דאס לעבן אונז געשאפן,
אזא לעבן — שפאט און שאנד!
געהט זשע איר דעם כבוד רעטן,
פעסטער, שטאלצער זאלט איר טרעטן,
גליקלאך זענט איר, ברידער היינט!

א שטארקער רוף קומט פון מודעים,
האט דער גייסט פון חשמונאים
אויך אין אייך אצינד דערוואכט;
דריקט זשע פעסט אין האנד די וואפן —
איר וועט גלאנץ און כבוד שאפן
פאר דער צוקונפט רום און פראכט.

שטאלץ און מונטער ווי פארצייטן,
גייט צוררייסט די גלות־קייטן,
ווי בר כוכבא אונזער העלד;
זינגט די שיינע ציון׳ס לידער —
אז מיר לעבן, לעבן ווידער
וויסן זאל די גאנצע וועלט!...

אינהאלט

נית טאָג און נית נאַכט — 23

פאַרנאַכטיקער גרוי — 25

דאָרף און שטאָט — 26

נאָקטורן — 28

ער און זי — 30

די יאָרן פליען — 34

קנאָספּן — 36

מיט זיך אַליין — 37

טריאָלעטן — 40

קלינג־קלאַנג... — 41

אונזער טרויער טאָג — 42

עפּעס הער איך... — 43

אַליין — 45

ס'איז א קורצער וועג — — — — — — — — — — 46
צו א פריינט — — — — — — — — — — — — — 47
טרערן — — — — — — — — — — — — — — — 48
דער קוואל — — — — — — — — — — — — — — 50
איך לאד — — — — — — — — — — — — — — 51
פאראייניקט — — — — — — — — — — — — — 52
גליק... — — — — — — — — — — — — — — 53
אז אלטע מגלה — — — — — — — — — — — — 54
און אפשר — — — — — — — — — — — — — — 58
זינגען האב איך ליב — — — — — — — — — — 59
זאל זיין — — — — — — — — — — — — — — 60
אנטוישונג — — — — — — — — — — — — — — 61
דער רעגן — — — — — — — — — — — — — — 62
ס'אליגן — — — — — — — — — — — — — — 64
א מאטיוו — — — — — — — — — — — — — — 65
דער ווינט — — — — — — — — — — — — — — 66
אויף די פליגל פונם ווינט — — — — — — — — — 67
ביים ים — — — — — — — — — — — — — — — 68
צו די לעגיאנערן — — — — — — — — — — — — 69

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגאָ, איל.
379